לונדער אוניווערסיטעט

צענטער פֿאַר שפּראַך און ליטעראַטור

עמאָציאָנעלע און ראַציאָנעלע אידעאָלאָגיע?

אַן אַנאַליז פֿון כאַווער-פּאַווערס *לאַבזיק*

פֿון זשאַן העסל

טעזיס פֿאַרן באַקאַלאַווער-קורס

בעל-יועץ: יאַן שוואַרץ

ענגלישרעדנדיקער קאָרעקטאָר: עדיט האָלם

פֿרילינג 2012

Lund University

Centre for Language and Literature

Emotional and Rational Ideology?

an Anlalysis of Khaver-Pavers *Labzik*

by Jean Hessel

Bachelor Thesis

Supervisor: Jan Schwarz

English proofreader: Edit Holm

Spring 2012

אַ מתּנה לינדאַ גאָרדאָן און עדיט האָלם, פֿאַר זייער שאַרפֿזיניקייט און געדולד. זאָל עס זײַן אַלע
שלימזלניקעס באַשערט צן האָבן אַזוינע חבֿרים.

En gåva till Linda Gordon och Edit Holm, för deras skarpsinnighet och tålamod.
Må det beskäras alla olycksfåglar att ha sådana kamrater.

Abstract

This thesis consists of an extended analysis of Khaver-Paver´s book *Labzik*. The emphasis is on the book´s didactic elements. *Labzik* is a Communist children´s book written in America in 1935 by a writer who devoted much of his creativity to the children. The book is written in a highly politicized environment. The economic-political situation for Jews in America during the great depression is clearly reflected in the book and thus makes it an interesting material for analysis. One part of the study concentrates much on the perception of various actions from the ideological perspective. The analysis of the didactic element furthermore involves different types of education. What is the difference between ideological and traditional education? Attention has also been given the children´s book as a medium.

The leading questions of the analysis are:

1. Labzik is trained to act ideologically. Other "good" acts he performs emotionally, the "bad" acts as well. What conclusions can we draw from that?

2. Which artistic devices is used in order to teach children to act ideologically?

3. How are different actions being valued according to the ideological apparatous of the book?

The aim of the analysis is to achieve a deeper knowledge of Khaver-Paver´s book. In addition I want to explore what I can find by exposing the didactic devices of the text.

One of the key findings that emerged after the analysis was carried out was the exposure of the didactic mechanism and the deconstruction of the same in its constituents in order to show the didactical function of the book.

Contents

Abstract

I

Introduction -1

Material and background -1

Aim - 2

About the construction of the work - 2

II

Biography -2

III

Analysis - 3

Category 1: Labzik himself - 3

Category 2: The children -4

Category 3: The parents - 5

Category 4: The others - 7

Category 5: The collective (and the individual) -9

Category 6: Tradition and ideology -11

Category 7: Style - 12

Category 8: Language -12

Category 9: Labzik´s place in the literary line -14

IV

Conclusion - 16

Result -16

Discussion - 18

Bibliography - 20

אינהאַלט

א

אינטראָדוקציע - 1

מאַטעריאַל און הינטערגרונט - 1

ציל - 2

ב

וועגן דעם בוי פֿון דער אַרבעט - 2

ביאָגראַפֿיע - 2

ג

אַנאַליז -3

קאַטעגאָריע 1: לאַבזיק אַליין - 3

קאַטעגאָריע 2: די קינדער -4

קאַטעגאָריע 3: די עלטערן -5

קאַטעגאָריע 4: די אַנדערע -7

קאַטעגאָריע 5: דער קאָלעקטיוו (און דער אינדיווויד) - 9

קאַטעגאָריע 6: טראַדיציע און אידעאָלאָגיע - 11

קאַטעגאָריע 7: שטייגער -12

קאַטעגאָריע 8: שפּראַך - 12

קאַטעגאָריע 9: לאַבזיקס אָרט אין דער ליטעראַרישער ריי - - - - - - - - - - - - - - - - - -14

ד

אויספֿיר -16

רעסולטאַט - 16

דיסקוסיע -18

א

אינטראָדוקציע

מאַטעריאַל און הינטערגרונט

איך וועל אַרבעטן מיט כאַוווער-פֿאַווערס קינדערבוך *לאַבזיק* (כאַוווער-פֿאַוווער, 1935) ווײַל איך בין זייער פֿאַרינטערעסירט אינעם דידאַקטישן עלעמענט פֿון דער קינדער-ליטעראַטור. צו נעמען *לאַבזיק* איז גאָר אַ נאַטירלעכע זאַך, צוליב דעם וואָס דאָס בוך האָט אַ שטאַרקן דידאַקטישן טענדענץ. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ קאָמוניסטיש בוך, געשריבן אין אַמעריקע 1935 פֿון אַ מחבר וואָס האָט געוואָלט שאַפֿן פֿאַר די קינדערלעך. מען האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן אין אַ פּאָליטיזירטער סבֿיבֿה. די פּאָליטיש-עקאָנאָמישע לאַגע פֿאַר די ייִדן אין דער דעמאָלטיקער אַמעריקע שפּיגלט זיך בולט אָפּ אין די זײַטלעך פֿונעם בוך. דערפֿאַר איז עס אַן אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל פֿאַרן אַנאַליז. די וואָס ווילן וויסן מער וועגן דעם מחברס ביאָגראַפֿיע בעט איך צו געבן אַ קוק אויף סעקציע ב (ביאָגראַפֿיע).

איך בין אויך פֿאַרינטערעסירט אין ווי אַזוי מען שאַצט אָפּ די ווערטן פֿון פֿאַרשיידענע האַנדלונגען פֿונעם אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. מײַן אינטערעס פֿאַרן דידאַקטישן עלעמענט טראָגט אין זיך אַן אינטערעס פֿאַר פֿאַרשיידענע מינים דערציונג. וואָס איז אייגנטלעך דער אונטערשייד צווישן טראַדיציאָנעלער און אידעאָלאָגישער דערציונג?

טאָ וועט *לאַבזיק* זײַן דער פּרימערער טעקסט. אַ פֿולשטענדיקע רשימה פֿון אי פּרימערע אי סעקונדערע קוואַלן וועט איר געפֿינען בײַם סוף סעקציע ד (ביבליאָגראַפֿיע).

אָט האָב איך אַ פּאָר פֿראַגעס אויף וועלכע איך האָף אַז איך וועל קענען ענטפֿערן אין מײַן אויספֿיר בײַם סוף אַנאַליז.

לאַבזיק לערנט זיך ווי אַזוי מען פֿירט זיך אידעאָלאָגיש. אַנדערע "גוטע" אַקציעס טוט ער צוליב עמאָציעס. "שלעכטע" אַקציעס אויך. וואָסערע קינסטלערישע מעטאָדן ניצט מען כּדי אויסצולערנען די קינדער צו אַגירן אידעאָלאָגיש?

וואָסערע ווערטן גיט מען עמאָציאָנעלע און אויסגעלערנטע אַקציעס אינעם אידעאָלאָגישן אַפּאַראַט?

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ דידאַקטישן בוך? מיר וועלן אונטערזוכן קינדער-ליטעראַטור ווי אַ מעדיום: צי האָט כאַוווער-פֿאַוווער געשריבן פֿאַר קינדער בלויז כּדי זיי צו געבן אַן אידעאָלאָגישע דערציונג?

ציל

דער ציל פֿון מײַן אַרבעט איז צו דערגרייכן אַ טיפֿערן קענטעניש פֿון כאַוואַער-פּאַווערס בוך דורך דעם, וואָס איך וועל זי שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דער דעמאָלטיקער סיטואַציע. דערצו וועל איך אונטערזוכן וואָס מען קען געפֿינען אינעם פּרימערן טעקסט, דערבײַ ניצנדיק אַ מין קאַטעגאָרישן אַנאַליז.

וועגן דעם בוי פֿון דער אַרבעט

איך וועל בויען די אַרבעט לויט דעם פֿאָלגענדיקן סדר: זי וועט באַשטיין פֿון פֿיר טיילן. דער ערשטער (א) איז אַן אינטראָדוקציע ווו איך וועל דערקלערן דעם הינטערגרונט און די קאָנסטרוקציע פֿון דער אַרבעט. אינעם צווייטן טייל (ב) וועלן זײַן די נייטיקע ביאָגראַפֿישע פֿאַקטן וועגן דעם מחבר. דער דריטער און סאַמע וויכטיקסטער טייל (ג) איז דער אַנאַליז פֿונעם פּרימערן טעקסט, דורכגעפֿירט לויט אַ רשימה פֿון ספּעציעלע קאַטעגאָריעס. איך וועל אָנשרײַבן אַ קורצע רעפֿלעקציע וועגן יעדער קאַטעגאָריע, דערבײַ געבנדיק די נייטיקע דעטאַלן פֿונעם זוזשעט. פֿאַר דער נאָטאַציע וועל איך ניצן דער האַרוואַרדער סיסטעם. דער פֿערטער טייל (ד) איז דער אויספֿיר ווו איך וועל ערשטנס צונויפֿשטעלן די רעסולטאַטן פֿונעם אַנאַליז און דערנאָך געבן אַ פּרווו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס פֿון דער אינטראָדוקציע. ייִדישע נעמען שרײַב איך לויט דעם טראַדיציאָנעלן אופֿן.

ב

ביאָגראַפֿיע

כאַוואַער-פּאַווער איז דער פּסעוודאָנים פֿון גרשון אײַנבינגער וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין בערשאַד, פּאָדאָליע דעם אַכטן פֿעברואַר 1900. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ וואַלד-סוחר. כאַוואַער-פּאַווער איז געגאַנגען אין חדר ביז ער איז געוואָרן 13 יאָר אַלט און דערנאָך האָט ער געלערנט אין פֿאַרשיידענע ישיבֿות - די לעצטע אין אָדעס. דערנאָך האָט ער געוואָלט באַקומען אַ סעקולערע בילדונג, אָבער דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די רוסישע רעוואָלוציע. צוליב די פּאָגראָמען איז ער אַנטלאָפֿן קיין רומעניע 1921, און דאָרטן האָט ער געשריבן אין *קעשענעווער איד* וועגן די שוידערלעכע פּאָסירונגען אין אוקראַינע. אָט אַזוי האָט ער דעביוטירט. 1923 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק. דאָרטן האָט ער געאַרבעט ווי אַ לערער אין די שלום-עליכם-שולן,

אָבער שפּעטער איז ער אַריבער צו די שולן פֿון דער לינקער אַרבעטער-באַוועגונג. 1925 האָט מען פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צוויי-בענדיקע אויסגאַבע מיט זײַנע מעשׂהלעך (כאַוווער-פּאַווער, 1925). דעמאָלט האָט ער שוין געשריבן לידער און מעשׂיות אין ניו-יאָרקער *קינדער לאַנד* און אין *קינדער זשורנאַל*. ער האָט אויך געשריבן אין *מאָרגן-פֿרײַהייט*, ווו ער איז שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ערשטנס איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון אוניאָן סקווער, אָבער ווען מען האָט אַרויסגעגעבן *לאַבזיק* אין 1935 איז כאַוווער-פּאַווער שוין געווען אַ מיטגליד פֿון פּראָלעטפּען (פּאָמעראַנץ, 1935). זײַן נאָענטע באַציונג צו דער אַרבעטערבאַוועגונג שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך פֿון אים אויך אין מאָסקווע. שפּעטער האָט מען אים אַפֿילו איבערגעזעצט אויף רוסיש. צום באַדויערן בין איך ניט אין שטאַנד צו זאָגן עפּעס סובסטאַנציעל וועגן פּראָלעטפּענס אַלגעמיינע באַציונגען צום ראַטן-פֿאַרבאַנד. אַז מען האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען איז קלאָר, למשל דורך דעם וואָס פּאָמעראַנץ איז געפֿאָרן דאָרטן 1935. עס זעט אויס, אַז די מיטגלידער פֿון פּראָלעטפּען האָבן ניט געקענט מסכּים זײַן וועגן די סאָוועטישע געזעצן פֿאַר שרײַבערס. די דיסקוסיע וועגן "מאָלן צוליב מאָלן" איז געווען זייער אַ היציקע אויך בײַ די פּראָלעטפּעניסטן. עס איז מיגלעך אַז די באַציונגען האָבן זיך געביטן אין משך פֿון די יאָרן. מען וואָלט געקענט גלייבן אַז כאַוווער-פּאַווער האָט געשריבן בלויז פֿאַר קינדער, אָבער ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט גאָר אַ סך נאָוועלן, ראָמאַנען און דראַמעס. בשעת די דרײַסיקער יאָרן שרײַבט ער אַלץ מער מיט אַ סאָציאַלן פּאַטאָס. למשל שרײַבט ער וועגן דער סיטואַציע פֿאַר די שוואַרצע אין אַמעריקע. 1939 איז ער געווען איינער פֿון די שרײַבער וואָס האָבן געאַרבעט מיט עדגאַר אולמערס קינאָאַדאַפּטאַציע פֿון אַבראַמאָוויטשעס *פֿישקע דער קרומער*. 1947 האָט כאַוווער-פּאַווער געוווינט אין לאָס-אַנדזשעלעס, און דאָרטן האָט מען אַרויסגעגעבן זײַן *וואָוויק* (כאַוווער-פּאַווער, 1947). ער איז דאָרטן געבליבן ביז זײַן טויט, דעם פֿערטן דעצעמבער 1964.

ג

אַנאַליז

קאַטעגאָריע 1: לאַבזיק אַליין

ווער איז לאַבזיק, און וואָס איז זײַן פֿונקציע? - לאַבזיק איז אַ קלוג הינטעלע - מסתּמא אַ לאַבראַדאָר. לאַבזיק איז אַ קריזיס-הינטעלע, דאָס הייסט אַז די מענטשן בײַ וועלכע ער וווינט האָבן אים ניט געקענט געבן עסן. דערווײַל לאָזן זיי אים איבער אויף דזשעקסאָן עוועניו סטיישאָן מיט אַ צעטעלע אויפֿן העלדזל, ווו זיי בעטן גוטע מענטשן אים אַרײַנצונעמען צו זיך אין שטוב אַרײַן. לאַבזיק האָט טאַקע מזל. עס קומט בערל דער אַפּרייטער מיט דער באַן פֿון דער אַרבעט, געפֿינט לאַבזיקן איינער אַליין אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, וויקלט אים אײַן אין דער *מאָרגן-פֿרײַהייט* און טראָגט אים אַהיים

צו זײַן משפּחה (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 3). עס איז גאָר אַ באַטײַטפֿולע זאַך אַז לאַבזיק איז דאָס קריזיס-הינטעלע. באַלד באַקומט מען דעם גאַנצן סצענאַר; ניו-יאָרק אין די דרײַסיקער יאָרן, אין דער צײַט פֿון קריזיס. מען נעמט אָן לאַבזיקן אין דער משפּחה ברייטהאַרציק - אַ סימן פֿון זייער גוטסקייט - מיט אַנדערע ווערטער; זייער געפֿיל פֿאַר גוטע (אויף אידעאָלאָגיע געגרינדעטע) האַנדלונגען. מיר ווייסן אַז בערל איז אַ גוטער צוליב צוויי פֿאַקטן: ערשטנס צוליב דעם וואָס ער האָט רחמנות אויפֿן קריזיס-הינטעלע, און צווייטנס צוליב דעם וואָס ער לייענט *מאָרגן-פֿרײַהייט*. מען דאַרף אויך אַכטונג געבן אויף דער משפּחה ווי אַן אידעאַל. דאָס הייסט; דער קאָלעקטיוו ווי אַן אידעאַל. דער קאָלעקטיוו העלפֿט דעם אינדיווידי. דער בידנער מענטש וואָס איז ניט אַ טייל פֿון אַ קאָלעקטיוו איז אַזוי ווי אַ הינטעלע אָן אַ היים.

לאַבזיק איז ניט נאָר אַ חנעוודיק הינטעלע, אָבער אויך אַ מין דידאַקטישער אינסטרומענט. די קינדער אין דער משפּחה טוען ניט קיין שלעכטע זאַכן. אָבער לאַבזיק האָט נאָך ניט געקראָגן קיין אידעאָלאָגישע דערציונג, און צוליב דעם פֿירט ער זיך אַ מאָל שלעכט. די דאָזיקע שלעכטע זאַכן זײַנען נעגאַטיווע בײַשפּילן, אָבער לאַבזיק האָט אויך אַ פּאָסיטיווע ראָלע דורך דעם וואָס ער טוט אויסגעלערנטע אָדער אינטויִטיווע גוטע אַקציעס. די מעשׂיות זײַנען וועגן לאַבזיקס אַנטוויקלונג.

לאַבזיק האָט דער פֿונקציע פֿון אַ נאָרמאַל קינד, ווײַל די קינדער אין בערלס משפּחה זײַנען אידעאַלע (אידעאָלאָגישע) און קענען ניט קיין שלעכטס טאָן. לאַבזיק איז וויכטיק כּדי מיר זאָלן האָבן עמעצן מיט וועמען מיר קענען זיך אידענטיפֿיצירן. כּדי מיר זאָלן זיך ניט אידענטיפֿיצירן מיט אַן אין גאַנצן נעגאַטיוון פֿיגור באַקומט לאַבזיקן אָפֿט מאָל אַ העלדישע ראָלע. למשל ווען רבֿקה (בערלס טאָכטער) ווערט געפֿערלעך קראַנק און לאַבזיק לויפֿט ברענגען דעם דאָקטער (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 57).

לאַבזיק ניצט מען אויך צו אילוסטרירן סאָציאַלע אומרעכט, צום בײַשפּיל ווען לאַבזיק שפּילט אַ ליבע מיט אַ הינטעלע וואָס וווינט בײַ רײַכע מענטשן. די רײַכע בעלי-בתּים קענען ניט דערלײַדן אַזאַ אַ קבצנישן קאַוואַליר, און לאַבזיק איז אָנגעוואָרן זײַן חבֿרטאָרין (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 52).

קאַטעגאָריע 2: די קינדער

לאָמיר זיך איצט קערן צו די קינדער און זייערע פֿונקציעס. ערשטנס; ווער זײַנען זיי? - אין לאַבזיקס נײַע היים זײַנען צוויי קינדער, אַ שוועסטערל און אַ ברודערל: רבֿקה און מוליק. די

קינדער זײַנען, ווי אויבן דערמאָנט, אידעאַלע געשטאַלטן (פֿונעם אידעאָלאָגישן קוקווינקל), און צוליב דעם באַקומען זיי אַ גאָר באַזונדערע פֿאַרבינדונג צו לאַבזיקן. לאַבזיק איז ענלעך צו אַ קלענערן ברודערל, וואָס שעמט זיך צוליב דעם וואָס ער גייט נאָך ניט אין שול. צום סוף גייט ער טאַקע צוזאַמען מיט מוליקן אין שול אַרײַן, אָבער ער שטערט די קינדערלעך בשעת זיי זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 6). אין שײַכות מיט דעם וועל איך אויך נעמען דעם געלעגנהייט צו דערציילן אַז די קינדער גייען אין צוויי שולן. זיי גייען אי אין פּאָבליק סקול אי אין דער ייִדישער אַרבעטער קינדער שול.

די קינדער זײַנען אידעאַלע קינדער, אָבער זיי האָבן ניט קיין ראָלעס פֿון "קליינע דערוואַקסענע". אַ מאָל טוט זיך אַז זיי שפּילן זיך מיט די אַטריבוטן פֿון דערוואַקסענע. איך וועל דאָ פֿאָרשטעלן אַ משל אין דער פֿאָרעם פֿון אַ ציטאַט:

זעט אָבער ריפקעלע, ווי לאַבזיק קוקט אַף איר מיט זיינע קלוגע אייגעלעך, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט אויך געוואָלט וויסן וואָס זי רעדט. נעמט זי זיך אים צו דערקלערן: - טעלמאַן, לאַבזיק - שטרעקט זי צו אים אויס אַ פינגער פונקט ווי די לערערן טוט דאָס - טעלמאַן איז אַן אַרבעטער פירער אין דייטשלאַנד. פאַרשטייסט? (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 11)

מיר זעען דאָ ווי רבֿקה פֿירט זיך ווי אַ לערערין בשעתן שמועס מיט לאַבזיקן, אָבער זי האָט ניט די פֿונקציע פֿון אַ לערערין. זי האָט די פֿונקציע פֿון אַ שוועסטער וואָס שפּילט זיך מיטן ברודערל. אָבער זי האָט פֿאָרט אַ דידאַקטישע פֿונקציע פֿאַר די לייענערס. דאָס ווערט קלאָר דורכן פֿאָלגענדיקן ציטאַט:

- לאַבזיק, דו ווייסט דאָך כאָטש, וואָס הייסט אַ סטרייק? אַף דערויף האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיט די אויערן. ס'הייסט, אַז ער פאַרשטייט יאָ, וואָס עס הייסט אַ סטרייק. ווייסט דאָך ריפקעלע, אַז ער איז אַ גרויסער ליגנער און פאַרשטייט ניט, וואָס עס הייסט אַ סטרייק גיט זי אים צו פאַרשטיין: - אַ סטרייק - מאַכט זי - איז אַזאַ זאַך, ווען די אַרבעטער ווילן מערער ניט אַרבעטן, ביז דער באָס וועט זיין גוט צו זיי. פאַרשטייסט? (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 48)

די אידעאָלאָגיע בײַ די דערוואַקסענע שפּיגלט זיך אָפּ בײַ די קינדער. די קינדער זײַנען אויך אָנטיילנעמער אין דער סאָציאַליזטישער אַרבעט. מען וויל זיי אַקטיווירן. אַזוי גייען די קינדער אַרום מיט אַ פּושקע און קלײַבן געלט צו ראַטעווען טעלמאַנען פֿון דער דײַטשישער טורמע (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 11).

קאַטעגאָריע 3: די עלטערן

אויב די קינדער זײַנען אידעאַלע זײַנען די עלטערן מסתּמה לײַטישע מענטשן. לאָמיר אָנהייבן מיטן טאַטן, וועלכן ווערט פֿאָרגעשטעלט צוזאַמען מיט דער מאַמען אינעם קומענדיקן ציטאַט:

בערל דער אַפּרייטער האָט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן שטענדיק. ער האָט אויך אַ ווייב אַ בעריע, וואָס הייסט מאַלי. (כאַוור-פּאַוער, 1935. ז. 4)

כּדי איר זאָלט באַקומען אַן אימאַזש פֿון זייער רעלאַציע וועל איך אײַך געבן נאָך אַ ציטאַט:

- אויב אַזוי - מאַכט די מאַמע - לאָמיר זשע אָפּעסן וועטשערע און זיך לייגן שלאָפן, וועל איך מיט דיר מאָרגן גיין צום שאַפּ און דיר העלפן סטרייקן. (כאַוור-פּאַוער, 1935. ז. 46)

די סטרוקטור פֿון דער פֿאַמיליע איז אין גאַנצן אַ טראַדיציאָנעלע (פֿונעם פֿעמיניסטישן שפּאַקטייוו), אָבער מײַן אַנאַליז נייטיקט זיך אייגנטלעך ניט אין מײַן פּערזענלעכער פֿעמיניזטישער אידעאָלאָגיע. איך וועל פֿאָרט געבן אַ פּרוּוו עפּעס געוווייער צו ווערן וועגן דער מאַמען. זי אַרבעט ניט, אָבער מען דאַרף געדענקען אַז די מענער האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין די שעפּער ביז שפּעט אין אָוונט. אין איינער פֿון די דערציילונגען פּיקעטירן די אַרבעטער מיט פֿאַפּירן אויף וועלכע עס שטייט אָנגעשריבן: *מיר ווילן קומען אַהיים פּארפרי און זיך שפּילן מיט אונדזערע קינדערלעך* (כאַוור-פּאַוער, 1935. ז. 48). נו, מאַלי אַרבעט ניט, אָבער ווען בערל ווערט אַרבעטלאָז גייען זיי בײדע זוכן אַרבעט. איך גלייב ניט אַז דאָס איז קיין סימן פֿון פּראָגרעסיווער אידעאָלאָגיע. דער זוזשעט אין אָט דער דערציילונג נייטיקט זיך אין דעם, וואָס די טאָכטער דאַרף זײַן אַליין מיט לאַבזיקן אין שטוב (כאַוור-פּאַוער, 1935. ז. 57). אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז די מאַמע איז אַ מין אַקטיוויסט. ווען די אַרבעטער גייען פּיקעטירן קומט זי אויך. אין דער אמתן גייט די גאַנצע משפּחה פּיקעטירן. די פֿאַמיליע איז אַן אייניקייט - אַ קאָלעקטיוו. אין *לאַבזיק* שטייט קאָלעקטיוויזם העכער פֿון פֿרויען-רעכט. די פֿרוי איז דאָך אַ טייל פֿונעם קאָלעקטיוו און מען וועט זי אויך באַפֿרײַען, אָבער ניט ווי אַן אינדיוויד.

דער טאַטע פֿאַרנעמט זיך אַקטיוו אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. בשעתן שטרײַק ווערט ער אַן אַגיטאַטאָר, און דערבײַ באַקומט ער אַ דידאַקטישע פֿונקציע ענלעך צו רבֿקהס, כאָטש זי רעדט צום הינטעלע און ער צו די אַרבעטער, אַז מיר וועלן ווען זען פֿון אַ ציטאַט:

דאָרטן איז געווען דער שאַפּ, וואו בערל האָט געאַרבעט. 8 מענער, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַראָפּגיין אין סטרייק, זיינען נאָך דאָרטן געזעסן און גענייט באַ די מאַשינען. אַז בערל איז אַריין, האָבן אַלע אויפגעהויבן די קעפּ און בערל טוט אַ זאָג צו זיי: - קומט אַראָפּ, לאָמיר סטרייקן, ווייל אַז מיר וועלן אַלע סטרייקן, וועט דער שאַפּ בלייבן ליידיק, און אַז ער וועט בלייבן ליידיק, וועט דער באָס זען, אַז ס'איז ניט גוט, וועט ער ווערן בעסער צו אונז. (כאַוור-פּאַוער, 1935. ז. 49)

ווען איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן דעם אַנאַליז איז עס געווען מײַן מיינונג, אַז איינע פֿון די פֿונקציעס פֿונעם בוך איז געווען צו אינפֿאָרמירן די קינדער וועגן טרויעריקע זאַכן; למשל, וואָס וועט זײַן אויב דער טאַטע וועט פֿאַרלירן זײַן אַרבעט. אָבער איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז אַרבעטלאָזיקייט איז שוין געווען גאָר אַ באַקאַנטע זאַך בײַ די ייִדישע קינדער אין ניו-יאָרק. אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָבן געליטן פֿון הונגער, צוליב די גרויסע דעפּרעסיע וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָכן

"קראַש" אויף דער בערזע 1929. דערפֿאַר זײַנען די טעמעס נאַטירלעכע זאַכן אינעם בוך. דאָס בוך האָט אַן ענטפֿער: סאָלידאַריטעט.

קאַטעגאָריע 4: די אַנדערע

איצערט זײַנען מיר שוין פֿאַרטיק מיט דער גאַנצער סדרה משפּחה, און עס איז געקומען די צײַט אַ קוק צו טאָן אויף בערלס משפּחהס באַציונגען צו אַנדערע מענטשן און גרופּעס אין דער אַרומיקער וועלט. זייערע באַציונגען קענען מיר צעטיילן אויף פּאָסיטיווע און נעגאַטיווע. לאָמיר זיך דערווײַלעטשקע אָנהייבן מיט די פּאָסיטיווע. די שוואַרצע פֿאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט אינעם בוך. ווען בערל פֿאָרט קיין וואַשינגטאָן חבֿרט ער זיך מיט אַ שוואַרצן אַרבעטער, און פֿון בערלס באַציונג מיט אים פֿאַרשטייען מיר אַז כאַווער-פּאַווער איז אַ פֿאָרטרעטער פֿאַר פּלוראַליזם. זייער ערשטן שמועס האָט איר דאָ:

דערנאָכדעם אוז בערל צוגעגאַמגען צו אַ נעגער מיט גרויסע אויגן און געזאָגט: - האַו דו יו דו. מיין נאָמען איז בערל דער אַפּרייטער פון די בראָנקס. ווי אַזוי איז דיין נאָמען? - מיין נאָמען - האָט יענער געענטפערט מיט אַ שמייכל - איז טאָם לינקאָלן, און איך בין פון פּיטסבורג, פּענסילווייניע, און איך בין אַ מיינער. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 69)

קיין וואַשינגטאָן פֿאָרן זיי אויף משׂא-אויטאָס, און טאָם ווערט פֿאַרקילט. בערל וויל אים טרייסטן.

טאָם לינקאָלן האָט זיך צוגעקילט און אָנגעהויבן הוסטן. דער קאָפּ איז אים געווען זייער הייס. ער איז געלעגן צוגעדעקט מיט עטלעכע מאַנטלען, אָבער עס איז אים וואַרעמער פון דעם ניט געוואָרן. ער האָט געציטערט און געמאַכט: - אוי, אוי, אוי. בערל דער אַפּרייטער איז געזעסן לעבן אים און אים געטרייסט. און לאַבזיק האָט טאָמען געלעקט דאָס פּאָנעם. בערל האָט אַזוי געזאָגט: - קרעכץ ניט, כאַווער טאָם. מיר זיינען שוין צוויי מייל פון וואַשינגטאָן. דאָרטן וואַרטן שוין אונדזערע כאַוויירים, די אַרבעטער, מיט רויטע פּאָנען און מיט מוזיק. מיט סענדוויטשעס און מיט הייסער קאָפּע. מען וועט דיר אַריינגעמען אין אַ וואַרעם הויז מיט אַ ווייס בעט. מען וועט ברענגען אַ דאָקטער, וועסטו געזונט ווערן. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 72)

צוליב דעם קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק זײַנען גרופּעס וויכטיקע. עס מאַכט ניט אויס צי די גרופּעס באַשטייען פֿון קינדער אָדער דערוואַקסענע. סאָלידאַריטעט איז סאָלידאַריטעט, אַז מיר וועלן זען פֿון די פֿאָלגענדיקע צוויי ציטאַטן:

נויעך האָט אָנגעויבן: - כאַוויירים: די קינדער האָבן צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט „כאַוויירים", האָבן זיי געשמייכלט און זיך געפילט גוט. - כאַוויירים, אין דער שול הונגערן אַ סאַך קינדער, וועלן מיר שווייגן? - ניין - ענטפערן זיי אַלע ווי איין מענטש. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 35)

רופט זיך אָן מוליק: „ער שלעפּט אונדז אין טורמע, ווייל מיר זאַמלען געלט צו ראַטעווען טעלמאַנען, ווייל דער פּאָליסמאַן איז פאַר די רייכע." - טעלמאַן, - מאַכן די אַרבעטער, אונדזער כאַווער טעלמאַנען, איי דו פּאַסקודנער קאַפּ, איי דו אַזוינער און אַזוינער. און אַלע אַרבעטער שפּרינגען אַרויף אַפן פּאָליסמאַן. וואַרפן אים אום צום ערד, רייסן פון אים אַרויס דאָס

קעסטעלע. ווען דער פּאָליסמאַן איז שוין געלעגן צעלייגט אַף דער ערד, איז לאַבזיק צוגעלאָפן צו אים און אים אַ ביס געטאָן אין אויער. דאָס האָט ער זיך שוין אָפּגערעכנט פאַר שלאָגן אים אין בויך אַריין, און פאַר אַלצדינג. האָבן די אַרבעטער זיך געכאַפּט צו די קעשענעס. ווער ס'האָט אַרויסגענומען אַ פּעני, ווער אַ ניקל און ווער אַפילו אַ דיים. מען האָט אָנגעפילט דאָס קעסטעלע ביז אַרויף. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 14)

שוין אָפּגערעדט פֿון פּאָסיטיווע באַציונגען קערן מיר זיך צו די נעגאַטיווע. קלאַס שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָלע. פונקט דערפֿאַר הייבן מיר אָן מיט די בורזשויעס. ערשטנס האָבן מיר משהל דעם בויסקאַוט, און אַז ער איז אַ שלעכטער ווייסן מיר זיכער, ווײַל ער וויל צעשערן לענינס פּאָרטרעט (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 40) כּדי איר זאָלט זיך גרינגער קענען פֿאָרשטעלן משהלען האָב איך אויסגעקליבן די קומענדיקע שורות:

וואָס זשע, איר קענט ניט מוישלען? דאָס איז דאָך מוישל, וועמעס טאַטע האָט אַ גרויסע רייכע גראָסערי אונטן מיט דער טיר צו דער גאַס צו. מוישלס טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד און מוישל אַליין איז אַ בויסקאַוט. אָט דער מוישל קומט אַריין אָפּט צו בערלען דעם אַפּפּרייטער אין הויז זיך קריגן מיט מוליקן און ריפקעלען. מוישל האָט אויך ליב צו שפּייען אין דער לופטן. וואָס העכער דער שפּיי פּליט אין דער לופטן, אַלץ מערער איז ער צופרידן. ווען לאַבזיק האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען מוישלען אַ שפּיי טאָן אין דער לופטן, האָט ער געטראַכט באַ זיך: פּע, ער איז אַ גראָבער יונג. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 40)

אויב מען וויל געוויער ווערן וואָס בערל טראַכט וועגן די רײַכע, איז עס כּדאַי אַ קוק צו טאָן אויף וואָס ער זאָגט צו דער רײַכער פֿרוי, וועלכע דערלאָזט ניט לאַבזיקן זיך צו שפּילן מיט איר הינטעלע:

- הער זשע אויס, דו רייכע גאָרניטשקע, דו פאַרנעמסט זיך פון דאַנען, אַז ניט פליסטו באַ מיר פון די טרעפּ. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 56)

די הונגעריקע ארבעטלאָזע זײַנען געגאַנגען צום סיטי האָל, זיך צו באַקלאָגן פֿאַרן מעיאָר. איז - לאָמיר לייענען איטלעכע ווערטער וועגן דעם ניו-יאָרקער מעיאָר:

דער מעיאָר האָט אָבער מוירע געהאַט אַרויסצוגיין צו די הונגעריקע אַרבעטער, ווייל ער אַליין איז זאַט, האָט אַ סאַך געלט, און עס איז אים וואַרעם אינעווייניק אין סיטי האָל, וואָס-זשע וועט ער אַרויסגיין אינדרויסן, אַז עס איז דאָרטן קאַלט.
(כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 61)

און איצט איז די צײַט געקומען אַ קוק צו טאָן אויף די באַדינער בײַ די רײַכע. אונדזער ערשטער משל איז אַ פּאָליציאַנט. ער איז אַ ביסל ענלעך צו אַ קאָזאַק, און זײַן פֿונקציע אין דער דערציילונג דערמאָנט אין דער טראַדיציאָנעלער פֿונקציע פֿון הינט אין יידישע דערציילונגען. די אַמאָליקע פריצים האָבן זייערע הינט טרענירט צו דערקענען מענטשן וואָס זײַנען אָנגעטאָן אין אַ קאַפֿטן מיט אַ קאַפּל.

פלוצלונג קומט אָן אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ שטאַרקער פּאָליסמאַן מיט אַ קלאָב, גיט אַ כאַפּ ס'קעסטעלע פון ריפקעלעס האַנט און זאָגט: - ביסט אַרעסטירט. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 13)

דער גנעיטער לייענער ווייסט מסתּמה אַז עס געווען אַן אָנגענומענע זאַך בײַ די בעלי-בתּים פֿון די שעפּער צו באַצאָלן גענגסטערס זיי זאָלן שלאָגן די אַרבעטער ווען זיי האָבן פּיקעטירט די שעפּער. די דאָזיקע גזלנים האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן מענער און פֿרויען, און די פּאָליציאַנטען האָבן זיי מיטגעהאָלפֿן. אויך דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אינעם בוך:

יענער מיינט, אַז בערל זאָל זיך אומקוקן, ווייל מען גייט אים שלעכטס טאָן. בערל אָבער פאַרשטייט ניט און קוקט זיך ניט אום, און זעט ניט, ווי דער באָס מיט צוויי גענגסטערס לויפן צו צו אים מיט אַ שטריק פון הינטן אַרומעט. גיט לאַבזיק אַ שפּרונג אַרויף אַף זיי מיט זיינע שאַרפע ציינדלעך, אָבער ער כאַפּט אַ שווערן בריקע אין קאָפּ און כאַלעשט אַוועק.
(כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 50)

קאַטעגאָריע 5: דער קאָלעקטיוו (און דער אינדיוויד)

וואָס וועט זײַן אויב מען פֿאָלגט ניט די געזעצן בײַם קאָלעקטיוו? די ניט דערלויבטע האַנדלונגען קענען מיר צעטיילן אויף צוויי טיפּן; די וואָס האָבן נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן און די וואָס האָבן פּאָסיטיווע קאָנסעקווענצן.

מיר הייבן אָן מיט אַקציעס וועלכע ווערן באַשטראָפֿן. לאָמיר זען וואָס טוט זיך אַז לאַבזיק זעט דאָס ערשטע מאָל אַ שוואַרץ ייִנגל. איך וועל דאָ אויפֿשטעלן אַ לאַנגע ריי ציטאַטן כּדי איר זאָלט בעסער פֿאַרשטיין די פּראָצעסן. אינעם ערשטן ציטאַט האָבן מיר עלעמענטן פֿון אָסטראַנעניע.

דער אינגל האָט געהאַט געקרייזלטע האָר. דאָס איז גוט. אַ סאַך אינגעלעך האָבן געקרייזלטע האָר. די נאָז באַ דעם אינגל איז אַ קורצע און אַ פּאַריסענע. דאָס אַרט אים אויך ניט. ער, לאַבזיק, איז ניט קיין איבערקלייבער, ווען עס קומט צו נאָז. דער אינגל האָט געהאַט קליינע אויערלעך. מאַכט אויך ניט אויס. אָבער וואָס עס האָט אים יאָ אויסגעמאַכט, איז וואָס דעם אינגעלס פּאָנעם איז געווען שוואַרץ. אַזאַ זאַך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען און ס'האָט אים שטאַרק פּאַרדראָסן. פּאַרוואָס האָט אים גערדאַרפט אַזוי שטאַרק פּאַרדריסן, ווייסן מיר ניט. אָבער אַ הונט בלייבט אַ הונט. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 21)

איצערט וועלן מיר זיך אַ ביסעלע באַקענען מיטן ייִנגל:

נויעד האָט געהייסן דער שוואַרצער אינגל און האָט אויך געוואוינט אַף דזשעקסאָן עוועניו, און געלערנט אין דערזעלביקער פּאָבליק סקול, וואו מוליק האָט געלערנט. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 21)

און וואָס וועט לאַבזיק טאָן?

און לאַבזיק גאַנוועט זיך אַזוי שטילערהייט, טריט באַ טריט, און מיטאַמאָל - ציאַפּ. אַ כאַפּ געטאָן נויעכן באַם פּוס. צעשרייט זיך נויעך פון ווייטיק. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 22)

לאַבזיק האָט טאַקע געטאָן זייער אַ שלעכטע זאַך, און וואָס ער וועט באַקומען דערפֿאַר וועלן מיר שוין וויסן:

מוליק האָט געכאַפּט אַ שטעקן, ארויסגעשלעפּט לאַבזיקן און אים געגעבן צען שטעקנס. לאַבזיק האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'קומט אים, האָט ער געמאַכט ווידער אַ שוויג און זיך געלאָזט שלאָגן. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 22)

ווען מוליק גיט לאַבזיקן מיטן שטעקן איז עס אַ שטראָף באַזירט אויף פערזענלעכע עמאָציעס. דערפֿאַר מוז לאַבזיקן אויך באַקומען אַ צווייטן, אידעאָלאָגישן פסק פֿונעם קאָלעקטיוו. ווי אַזוי דאָס טוט זיך וועלן מיר באַלד זעען:

- היי, דו, לאַבזיק, ווייסער שאָוויניסט פאַסקודנער, איך וועל דיר שוין ווייזן. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 22)

אָט פֿאַרשטייען מיר וואָס איז געשען; לאַבזיק האָט ניט נאָר געביסן סתּם אַ ייִנגל (וואָס דאָס איז שוין גענוג שלעכט). דערצו האָט ער זיך געפֿירט אויף אַ שאָוויניסטישן אופֿן. אָט הייבט זיך אָן דער דין-תּורה:

ווערט טייקעף אָנגעפֿילט בערל דעם אַפּריטערס הויז מיט לייבלען, ווילין, אַרקען, דייווין, פּערל, מערל און נאָך און נאָך קינדער פון דזשעקסאָן עוועניו. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 23)

די קינדער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט כּדי פּסקענען לאַבזיקן דעמאָקראַטיש:

האָט היימי דערציילט פאַר די קינדער, וואָס עס איז געשען. זײַנען די קינדער געוווען שטאַרק אויפגעקאָכט. האָט היימי געפרעגט, וואָס דאַרף מען טאָן לאַבזיקן פאַר אַזאַ זאַך? האָט מען גערעדט און גערעדט און באַשלאָסן.... (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 23)

איצט וועלן מיר זעען וואָס פֿאַר אַ שטראָף מען האָט אָנגעמאָסטן:

די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אַ גאַנצע וואָך טאָר קיינער ניט אויסרעדן קיין וואָרט צו לאַבזיקן. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 23)

ס'איז אים געווען אַזוי שלעכט און ביטער, אַז ער האָט זיך אַזש געוואָלט וואַרפן אין טייך אַריין. אָבער ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען די וואָך פון זיין שטראָף האָט זיך געענדיקט. אָבער מערער וועט ער שוין ניט בייסן קיין שוואַרצע אינגעלעך, וואָס טוען אים גאָרניט. (כאַוועך-פּאַווער, 1935. ז. 23)

און אַזוי ווייזן מיר וואָס וועט זײַן מיט יענעם, וואָס פֿאָלגט ניט די געזעצן בײַם קאָלעקטיוו. אפֿשר דאַרף איך צוגעבן אַז לאַבזיק און דאָס ייִנגעלע ווערן גוטע פֿריינט שפּעטער.

איצט קומען מיר צו די ניט דערלויבטע האַנדלונגען פֿונעם צווייטן מין, די וואָס האָבן גוטע קאָנסעקווענצן. לאַבזיק איז אַ מין אַקטיוויזט. דאָס הייסט, ער טוט אידעאָלאָגישע זאַכן, כאָטש עס איז ניט דערלויבט. ווען בערל גייט פּיקעטירן צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, האָבן זיי לאַבזיקן צוגעבונדן צום בעט מיט אַ שטריק. אָבער ווען זיי וואַרטן אויף דער באַן איז לאַבזיק שוין דאָרטן. ער האָט דאָס שטריקעלע צעביסן מיט זײַנע שאַרפֿע ציינדלעך. לאַבזיק גייט אויך פּיקעטירן, און בײַם סוף ראַטעוועט ער בערלן פֿונעם באָס און די גענגסטערס (כאַווער-פּאַוער, 1935. ז. 45). לאַבזיקס העלדישע ראָלע אין אָט דעם פֿאַל ווײַזט אויפֿן קאָלעקטיוויס אָפּהענגיקייט אינעם אינדיווידוּ. אַן ענלעכע זזשעט האָבן מיר אין דער לעצטער מעשׂה אינעם בוך. בערל וועט פֿאָרן קיין וואַשינגטאָן צו גיין אינעם הונגער-מאַרש. אַלע ווילן מיטפֿאָלגן, אָבער עס איז פּשוט ניט דערלויבט. לאַבזיק גנבֿעט זיך אַרײַן אין בערלס רענצל, און פֿאָרט אַזוי אויך קיין וואַשינגטאָן. אָבער ווען די הונגעריקע אַרבעטער זײַנען אָנגעקומען לעבן וואַשינגטאָן זײַנען געקומען פּאָליסלײַט און האָבן זיי אַרומגערינגעלט. וואָס טוט מען? מען דאַרף בעטן די חבֿרים אין וואַשינגטאָן, זיי זאָלן קומען העלפֿן. ווי קומט דאָס קעצעלע אַריבער דאָס וואַסער? מען האָט דאָך אַ קלוג הינטל, לאָזט מען אים לויפֿן קיין וואַשינגטאָן, איבערצוגעבן אַ בריוו צום ערשטן מענטשן וואָס האַלט אַ רויטע פֿאָן. און עס האָט טאַקע געהאָלפֿן. ווען זיי מאַרשירן איבער די וואַשינגטאָנער גאַסן זאָגט בערל לאַבזיקן:

- ביסט אַ נאַרישער לאַבזיק. ס'פּאַסט דיר איצט ניט צו שפּרינגען אין דער לופֿטן, ווייל דו ביסט אַ העלד. פֿאַרשטייט ניט לאַבזיק וואָס עס מיינט דאָס וואָרט ,,העלד'', און ער מאַכט שטיק און כיינדלעך אָן אַ שיר. (כאַווער-פּאַוער, 1935. ז. 77)

מען האָט געפֿאָלגט לאַבזיקס אַנטוויקלונג, און איצערט איז ער - אפֿשר - אויפֿגעוואַקסן.

קאַטעגאָריע 6: טראַדיציע און אידעאָלאָגיע

צי האָט די ייִדישע טראַדיציע אַ פֿונקציע אינעם בוך? דער פֿאַקט אַז מען האָט געגעבן די גלאַוונע ראָלע צו אַ הונט, וואָלט מען אַוודאי געקענט טײַטשן ווי אַ סימן פֿון אַ ניט-טראַדיציאָנעלער דערציילונג. אָבער לאָמיר זיך ניט אָפּשטעלן מיט דעם. איך האָב דאָס ביכעלע דורכגעייענט און דערווײַל געזוכט סימנים פֿון דער ייִדישער טראַדיציע. איך האָב געפֿונען גאָרניט. ניט קיין שבת, ניט קיין כּשרות און ניט קיין יום-טובֿ. גאָרניט מיט גאָרניט.

עס איז מיר געלעגן אין זינען צו שרײַבן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אונטערשייד צווישן טראַדיציאָנעלער און אידעאָלאָגישער דערציונג. איצט פֿאַרשטיי איך, אַז עס ניטאָ קיין אונטערשייד.

איך מיין אַז כאַווער-פּאַווער און די אַנדערע פּראָלעטפּעניסטן האָבן געוואָלט באַשאַפֿן אַ נײַע, אַ וועלטלעכע אידעאָלאָגיע וואָס וואָלט געקענט דינען ווי אַ מין רעליגיע פֿאַר די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן. די נײַע טראַדיציע איז אידעאָלאָגיע. זיי זײַנען די זעלבע זאַך, צוליב דעם וואָס זיי האָבן די זעלבע פֿונקציעס (דאַרפֿסט וויסן ווער דו ביסט, און וואָס צו טאָן).

קאַטעגאָריע 7: שטייגער

לאָמיר רעדן וועגן דעם נאַראַטיוון *שטייגער*, וואָס איז זייער שטאַרק אַנטוויקעלט אין *לאַבזיק*. מען הערט טאַקע דעם דערציילערס קול. ער רעדט גלײַך צום צוהערער, אַקוראַט ווי עס וואָלט ניט געווען קיין גרענעצן צווישן זיי. כאַווער-פּאַווערס דערציילערישער שטייגער איז אַ גוטמוטיקער, און זייער אַ שפּילעוודיקער. אַזוי איז *לאַבזיק* גוט צוגעפּאַסט צום לייענען אויף אַ קול. דאָס בוך איז טאַקע גוט אויסגעטראַכט; עס איז צוגעפּאַסט אי פֿאַר קליינע קינדער (וועלכע פֿלעגן ליב האָבן איבערחזרונגען), אי פֿאַר עלטערע קינדער (דורך די אַנטוויקלטע זוזשעטן).

דאָס בוך איז אָנגעשריבן לויט דער סאָציאַלרעאַליסטישער אידעאָלאָגיע, מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן פּאַטאָז. אָבער עס שאַדט ניט. פֿאַרקערט - די געשטאַלטן אינעם בוך קומען נעענטער דורך דעם. אָבער אפֿשר ניט אַזוי נאָענט ווי זיי זײַנען אַ מאָל געווען פֿאַר די ייִדישע קינדער אין ניו-יאָרק.

קאַטעגאָריע 8: שפּראַך

איך האָב געמיינט, אַז עס וועט זײַן אַ סך רוסישע ווערטער פֿונעם פּאָליטישן מין, אָבער עס הייבט זיך גאָרניט אָן. כמעט אַלע פּאָליטיזירטע ווערטער זײַנען געווען ענגלישע. טייל מאָל קומען זיי אין גאַנצע רייען:

זײַנען מוליק און ריפקעלע געגאַנגען אַהיים מיט אַ פול קעסטעלע, פּריילעכע, און געזונגען: - סאָלידאַריטי פאָרעווער, סאָלידאַריטי פאָרעווער. לאַבזיק האָט ניט געקענט זינגען, האָט ער געטאַנצט. (כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 15)

אַ מאָל האָבן אַמעריקאַנער ווערטער אַ נייטראַלע פֿונקציע:

ס'זאָל זיין לייכטער צו צאָלן די רענט. כאַווער-פּאַווער, 1935. ז. 16)

איין שורה מיין איך האָט אַ הומאָריסטישן פֿונקציע. משהל דער בויסקאַוט זעט דאָס ערשטע מאָל לענינס פּאָרטרעט און זאָגט:

- *הו איז דהיס גאַי, עניוויי?* (כאַוּער-פּאַוּער, 1935. ז. 41)

דער ענין פֿון צווייִשפּראַקיקייט שפּיגלט זיך אָפּ אינעם פֿאָלגענדיקן ציטאַט ווו בערל רעדט מיט ניט-ייִדישע חבֿרים:

- אַ קאַפּאָרע, דו זעסט, וואָס פאַר אַ גוטע כאַוויירים מיר האָבן אין יעדער שטאָט! מען גיט אונדז קאַווע און סענדוויטשעס. רופט זיך אָן דער נעגער: - אַ קאַפּאָרע, וואַט איז דעט? האָט בערל ניט געקענט דערקלערן, וואָס עס מיינט אַ קאַפּאָרע, און ער האָט געזאָגט: - אָ, אַ קאַפּאָרע איז נאָטינג, באָט די סענדוויטשעס און קאָפע. - אָ, - מאַכט דער נעגער - סענדוויטשעס און קאָפע, דעטס רייט, דעטס רייט. (כאַוּער-פּאַוּער, 1935. ז. 70)

דאָס איינציקע רוסישע וואָרט אין בוך איז *טרוס* (כאַוּער-פּאַוּער, 1935. ז. 36). אויף ייִדיש הייסט עס אַ *פּחדן*.

דער אויסלייג אין *לאַבזיק* איז אַנדערש פֿונעם סאָוועטישן און דעם אַלטמאָדישן שטייגער מיט אַ סך מאָדנע ה:ען. דער ייִוואָ-אויסלייג איז געקומען 1937. עס דאַכט זיך מיר, אַז פּראָלעטפּען האָט געהאַט אַן אייגענעם אויסלייג. אָט האָט איר דעם אויסלייג:

1. מען שרײַבט אַלע *לשון-קודשדיקע* ווערטער *פֿאָנעטיש*.

2. מען ניצט אי *פּתח-אַלף* אי *קמץ-אַלף*.

3. מען ניצט אַן *אַלף* אָנשטאָט *מלופּן-וואָו*.

4. מען שרײַבט *אַף*, אָבער *אויף* מיינט *אוף*.

5. מען שרײַבט *באַ*.

6. מען שרײַבט *קיין*.

7. מען שרײַבט *פּינטל* און *פּויגל*.

8. מען ניצט ניט קיין *פּתח-צוויי-יודן*.

9. מען ניצט די *סוף-אותיות*.

מען וואָלט געקענט רעדן וועגן ווי אַזוי דער פֿאָנעטישער אויסלייג האָט פֿונקציאָנירט אידעאָלאָגיש בײַ דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אָבער איך פֿיל ניט אַז איך האָב גענוג קענטעניש וועגן דעם צו קענען זאָגן עפּעס זיכער. מײַן אײַנדרוק איז אַז די דעבאַטע וועגן אויסלייג איז צופֿיל קאָלאָרירט פֿון פּערזענלעכע געפֿילן און פּרעפֿערענצן. רעפֿאָרמען פֿון אויסלייג איז ניט קיין נײַע זאַך

אויף דער וועלט. אפֿשר קען מען פֿאַרבינדן דעם פֿאָנעטישן אויסלייג מיט די רעפֿאָרמען וואָס לענין האָט דורכגעפֿירט מיט רוסיש 1917. דער ציל דערפֿון איז געווען צו באַקעמפֿן דעם פֿאַרשפּרייטן אַנאַלפֿאַבעטיזם. ווי עס קריסטלט זיך אַזוי ייִדלט עס זיך? איך גלייב אָבער, אַז אַנאַלפֿאַבעטיזם איז ניט געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט בײַ די ייִדן ווי בײַ די רוסן. הײַנט צו טאָג אָבער, איז די מעשׂה גאָר אַנדערש. די צרה מיט אַ פֿאָנעטישן אויסלייג ליגט אָבער אין דעם, וואָס עס וועט מסתּמא זײַן שווער פֿאַר יענעם וואָס איז צוגעווינט צום לייענען דעם פֿאָנעטישן אויסלייג צו לייענען ביכער אין וועלכע מען האָט געדרוקטע די לשון-קודשדיקע ווערטער אויפֿן טראַדיציאָנעלן אופֿן. צום סוף וועל איך אײַך דערמאָנען אין דעם, וואָס דער אויסלייג בײַ פּראָלעטפּען איז ניט די זעלבע זאַך ווי סאָוועטישן אויסלייג.

קאַטעגאָריע 9: לאַבזיקס אָרט אין דער ליטעראַרישער ריי

דאָ וועל איך אַרײַנפֿירן בלויז צוויי פֿון כאַווער-פּאַווערס ביכער. מען וואָלט באַדאַרפֿן לייענען גאָר אַ סך מערער פֿון אים אָנצושרײַבן עפּעס סובסטאַנציעל, אָבער די צײַט וועט ניט קלעקן דערויף. ערשטנס וועל איך כאַראַקטעריזירן די ביכער און מאַכן אַ פֿאָרגלײַך אַזאַ צווישן זיי, דערבײַ געבנדיק אַכטונג אויפֿן אַרום.

מיר הייבן אָן מיט *כאַווער-פּאַווערס מעשׂהלעך* (כאַווער-פּאַווער, 1925). דאָס בוך איז פֿאַר קלענערע קינדער, די וואָס גייען נאָך אין קינדער-גאָרטן. דער שטייגער און די דערציילערישע גריפֿן זײַנען אַנדערש ווי אין לאַבזיק. די געשטאַלטן זײַנען מער אַנטראָפּאָמאָרפֿע, די חיות רעדן איינער מיטן אַנדערן און אויך מיט די קינדער. אַפֿילו ביימער און שיפֿלעך קענען רעדן. די עלעמענטן האָבן אויך אַ באַוווסטזײַן; אַזוי קריגט זיך די זון מיטן ווינט. די דערוואַקסענע שפּילן געוויינטלעך ניט קיין וויכטיקע ראָלעס. די גלאַוונע ראָלעס האָבן די קינדער און אַ סך פֿאַרשיידענע חיות. די ייִדישע טראַדיציע איז נאָענט. למשל האָבן מיר אַ ציגעלע וואָס באַקומט אַ שפּילעכל צוליב דעם וואָס עס האָט אויסגעלערנט די מודה אַני אויף אויסווייניק (כאַווער-פּאַווער, 1925. ז. 49) און אויף זײַטל 44 זעען מיר אַ בילד פֿון אַ האָן אָנגעטאָן אין אַרבע-כּנפֿות. אייראָפּע איז נאָך אַלץ נאָענט. די שטעטל-אימאַזשן זײַנען שטאַרקע, כאָטש דאָס הינטעלע מאָפּסיק זאָגט אַז ער ווינט אויף פּיטקין עווניו וווען ער וויל זיך פֿאַרשרײַבן ביי דער לערערין אין קלאַס. די אילוסטראַציעס מאַכן אויך אָן אייראָפּעיִשן אײַנדרוק. כאַווער-פּאַווער האָט דעמאָלט געוווינט אין אַמעריקע בלויז צוויי יאָר. דאָס בוך איז אין גאַנצן אַפּאָליטיש. דער מחבר האָט דעמאָלט געאַרבעט אין די שלום-עליכם-שולן, וועלכע פּאָמעראַנץ (אין ראַטן-פֿאַרבאַנד) האָט אָנגערופֿן *קליינבירגערלעכע* (פּאָמעראַנצ, 1935. ז. 209). פּראָלעטפּען האָט מען געגרינדעט שפּעטער, אין 1929. אָבער כאַווער-פּאַווער האָט געשריבן אין *פֿרײַהייט* (געגרינגעט 1922) שוין 1925. די מעשׂיות זײַנען ניט אָנגעשריבן בלויז כּדי די קינדער זאָלן הנאה האָבן פֿון אַ

פֿײַנעם ביכל. עס האָט אַ מוסר-השׂכּל אויך. אין דעם אופֿן דערמאָנט דאָס בוך אין *לאַבזיק*, אָבער אין די מעשׂיות האָבן מיר אַ ניט-אידעאָלאָגישן מוסר-השׂכּל. דאָס דערציילערישע קול איז פּונקט דאָס זעלבע ווי אין לאַבזיק, 10 יאָר שפּעטער, אָבער טייל פֿון די מעשׂיות זײַנען זייער טרויעריק, אפֿשר אַפֿילו אַ ביסל צו טרויעריק פֿאַר קינדער.

אָט הייבן מיר אָן מיט *וואָוויק* (כאַוער-פּאַוער, 1947). דאָס בוך איז ענלעך צו *לאַבזיק* און עס האַנדלט וועגן לאַבזיקס זון - וואָוויק. ער איז אַנדערש פֿון לאַבזיקן און האָט אַ טעמפּעראַמענט וואָס דערמאָנט מער אין אַ קינד. ער האָט אָפֿט רחמנות אויף זיך אַליין, און איין מאָל סימולירט ער אַפֿילו אַ קרענק כּדי מען זאָל אים גלעטן (כאַווער-פּאַווער, 1947. ז. 59). ער איז אַ נערוועזער און ער האָט ניט זעלטן אַ בויך-ווייטיק. אינעם טעקסט געפֿינען זיך ניט קיין סך סימנים פֿון דער ייִדישער טראַדיציע. מיר דאַכט זיך אַז מיר געפֿינען גיכער סימנים פֿון אַמעריקאַניזאַציע, אָבער גלײַך אויפֿן ערשטן זײַטל האָבן מיר אַ וואָרט פֿונעם טראַדיציאָנעלן וואָקאַבולאַר: *פּסח* (כאַווער-פּאַווער, 1947. ז. 11)! די סצענע איז ניו-יאָרק, און וואָוויק פֿאָרט ניט ווײַטער פֿון פֿלעטבוש (כאַווער-פּאַווער, 1947. ז. 83) און קוני איילאַנד (כאַווער-פּאַווער, 1947. ז. 111). דער גרויסער חלוק צווישן לאַבזיק און *וואָוויק* ליגט אין דעם וואָס *וואָוויק* איז אין גאַנצן אַפּאָליטיש. מען פֿרעגט זיך; וואָסערע זײַנען די סיבות צום אַפּאָליטיזירונגס-פּראָצעס? מיר דאַרפֿן אָנעמען אַז כאַווער-פּאַווער איז אַוועק פֿון פּראָלעטפּען, פּונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע שרײַבער בײַם סוף פֿערציקער יאָרן. כאַווער-פּאַווער האָט געהערט צו דער כוואַליע אימיגראַנטן וועלכע זײַנען אָנגעקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. צווישן זיי זײַנען געווען אַ סך שרײַבער וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן פּראָלעטפּעניסטן. די דאָזיקע סבֿיבֿה איז געווען אַקטיוו אין ניו-יאָרק. כּמעט אַלע זײַנען שפּעטער אַוועק פֿון פּראָלעטפּען צוליב דער גרויסער אַנטוישונג אין פֿאַרבינדונג מיט די שוידערלעכע פּאַסירונגען אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. ווען מען האָט אַרויסגעגעבן *וואָוויק* 1947 האָט כאַווער-פּאַווער שוין געוווינט אין לאָס-אַנדזשעלעס. *וואָוויק* איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט אָנגעשריבן לויט די סאָציאַלרעאַליסטישע געזעצן, אָבער עס איז פֿאָרט רעאַליסטיש. דער איינצייקער אָרט ווו די פֿאַנטאַזמען דערגרייכן דער זעלביקער מדרגה ווי אין *מעשׂהלעך* איז אין דער לעצער דערציילונג ווו לאַבזיק פֿירט אַ שמועס מיט דער לבֿנה (כאַווער-פּאַווער, 1947. ז. 120). דער דידאַקטישער עלעמענט בלײַבט וויכטיק. למשל איז לאַבזיק מקנה געווען אויף אַ נאָר וואָס געבוירענעם קינד. דאָס איז אַ מין מעשׂה וואָס איז באַקאַנט אין אַלע משפּחות (כאַווער-פּאַווער. ז. 21).

איין זאַך וואָס גייט אַדורך אַלע די דרײַ ביכער איז די ראָלעס פֿון די חיות, כאָטש אין די שפּעטערע ביכער באַגעגנען מיר בלויז הינט און קעץ. אַנדער חיות האָט דער רעאַליזם ניט דערלויבט אַרומצוגיין אויף די ניו-יאָרקער גאַסן. אָבער אַלע הינט ווילן האָבן אויפֿמערקזאַמקייט און אַלע קעץ זײַנען קלוגע נאַשערס.

עס איז טאַקע אינטערעסאַנט אַז דער דידאַקטישער עלעמענט איז פֿאַראַן אומעטום, כאָטש דער מחבר האָט געביטן אידעאָלאָגיעס. אפֿשר האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ריי נײַע טראַדיציעס?

לאָמיר איצערט אַ קוק טאָן אויף די אויסלייגן אין אונדזערע ביכער. דער אויסלייג אין *כאַוועד-פֿאַווערס מעשׂהלעך* איז ענלעך צום אויסלייג אין *לאַבזיק*, אָבער מיטן וואַזשנעם אונטערשייד וואָס די לשון-קודשדיקע ווערטער זײַנען אָנגעשריבן לויטן טראַדיציאָנעלן אופֿן. *וואָווּיק* איז ביז גאָר אַ באַזונדערע זאַך. מיר באַקומען דיביידע אַלטערנאַטיוון. ערשטנס לייענט מען דאָס לשון-קודשדיקע וואָרט אויפֿן טראַדיציאָנעלן אופֿן, און דערנאָך פֿאָלגט עס נאָך אַ מאָל פֿאָנעטיש אָנגעשריבן אין קלאַמערן.

ד

אויספֿיר

רעסולטאַט

דאָ וועל איך צונויפֿשטעלן די רעסולטאַטן פֿונעם אַנאַליז. דער סדר וועט זײַן דער זעלבער ווי אינעם אַנאַליז. דער ציל איז צו קאָמפּרימירן די רעסולטאַטן כּדי מען זאָל לײַכטער קענען איבערקוקן די פֿאַקטן.

קאַט. 1

דער קאָלעקטיוו העלפֿט דעם אינדיוויד. לאַבזיק איז אַ דידאַקטישער אינסטרומענט. דער טעקסט דערציילט וועגן לאַבזיקס אַנטוויקלונג. לאַבזיק האָט די פֿונקציע פֿון אַ נאָרמאַל קינד, וואָס טוט אַ מאָל אַ ניט דערלויבטע זאַך. ער איז דער אידענטיפֿיקאַטאָר.

קאַט. 2

די קינדער זײַנען אידעאַלע. לאַבזיק דערמאָנט אין אַ קלענער ברודערל. די קינדער גייען אין צוויי שולן; פּאָבליק סקול און אין אַ אַרבעטער-שול פֿאַר ייִדישע קינדער. די קינדער שפּילן ניט

קיין ראָלעס פֿון קליינע דערוואַקסענע, אָבער זיי שפּלן זיך מיט די אַטריבוטן פֿון דערוואַקסענע, אָפֿט צוליב דער דידאַקטישער פֿונקציע. די אידעאָלאָגיע בײַ די דערוואַקסענע שפּיגלט זיך אָפּ בײַ די קינדער. די קינדער זײַנען אויך מיטבויער פֿון דער סאָציאַליסטישער צוקונפֿט.

קאַט. 3

די עלטערן זײַנען אויך אידעאַלע. קאָלעקטיוויזם איז טײַערער פֿון פּרויען-רעכט. די משפּחה איז אַן אייניקייט. דער טאַטע שפּילט אַ דידאַקטישע ראָלע. דאָס בוך דערציילט וועגן דער שווערער סיטואַציע פֿאַר די אַרבעטער אין די דרײַסיקער יאָרן.

קאַט. 4

די משפּחהס באַציונגען צעטיילט זיך אויף פּאָסיטיווע און נעגאַטיווע. צו דער פּאָסיטיווער קאַטעגאָריע פֿון באַציונגען געהערן די שוואַרצע. מיר האָבן צו טאָן מיט פּלוראַליזם. סאָלידאַריטעט דאַרף זײַן אָן גרענעצן. אַרבעטער און קינדער אין גרופּעס זײַנען כּסדר פּאָסיטיווע עלעמענטן און דאָס שפּיגלט אָפּ דעם קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק. די נעגאַטיווע באַציונגען זײַנען אַלע מאָל אָפּהענגיק אין קלאַס.

קאַט. 5

האַנדלונגען וואָס זײַנען ניט דערלויבט צעטיילן זיך אויף צוויי מינים; די וואָס האָבן נעגאַטיווע און פּאָסיטיווע נאָכווירקונגען. דער קאָלעקטיוו איז אָפּהענגיק אינעם אינדיוויד.

קאַט. 6

סימנים פֿון דער ייִדישער טראַדיציע זײַנען ניטאָ אינעם טעקסט. טראַדיציאָנעלע און אידעאָלאָגישע דערציונג זײַנען די זעלבע זאַך (האָט די זעלבע פֿונקציע). די נײַע טראַדיציע איז אידעאָלאָגיע.

קאַט. 7

דער נאַראַטייווער שטייגער איז שטאַרק אַנטוויקלט. מען הערט דעם דערציילערש קול. עס זײַנען ניטאָ קיין גרענעצן צווישן דעם דערציילער און דעם לייענער. דאָס בוך איז צוגעפּאַסט אי פֿאַר קליינע אי פֿאַר עלטערע קינדער. מיר געפֿינען שפּורן פֿונעם טראַדיציאָנעלן סקאַז. דאָס בוך האָט אַ סאָציאַלן פּאַטאָס און איז אָנגעשריבן לויט די סאָציאַלרעאַליסטישע געזעצן.

קאַט. 8

אַמעריקאַניזמען האָבן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס. מען באַרירט דעם ענין פֿון צווייִשפּראַקיקייט. מיר געפֿינען ווינציק רוסיזמען. דער אויסלייג איז אַ ספּעציעלער. פּראָלעטפּען האָט געהאַט אַן אייגענעם אויסלייג.

קאַט. 9

כאַווער-פּאַווער האָט געביטן אידעאָלאָגיע, אָבער דער דידאַקטיק בלײַבט אַ וויכטיקער טייל פֿון זײַן שאַפֿן. זײַן דערציילעריש קול איז דאָס זעלבע פֿון 1925 ביז 1947. די ראָלעס פֿון די חיות האָבן זיך אויך ניט געביטן.

דיסקוסיע

דער געניטער לייענער דערמאָנט זיך אפֿשר אין די פֿראַגעס פֿון דער אינטראָדוקציע. מײַן ציל איז געווען צו קענען ענטפֿערן אויף די דאָזיקע פֿראַגעס נאָכן אַנאַליז. איצט האָב איך דורכגעפֿירט דעם אַנאַליז און מען דאַרף זיך נעמען צו די פֿראַגעס.

1. לאַבזיק לערנט זיך ווי אַזוי מען פֿירט זיך אידעאָלאָגיש. אַנדערע "גוטע" אַקציעס טוט ער צוליב עמאָציעס. "שלעכטע" אַקציעס אויך. וואָסערע גריפֿן ניצט מען כּדי אויסצולערנען די קינדער צו אַגירן אידעאָלאָגיש?

לאַבזיק איז דער *אידענטיפֿיקאַטאָר*, דאָס הייסט, דעם געשטאַלט מיט וועלכן די לייענערס וועלן זיך אידענטיפֿיצירן. דורך דעם וואָס דער אידענטיפֿיקאַטאָר פֿאַלט אַרײַן אין פֿאַרשיידנאַרטיקע

באַקאַמטע אָדער ניט באַקאַנטע סיטואַציעס ווערן זײַנע אַקציעס פּאָסיטיווע אָדער נעגאַטיווע בײַשפּילן פֿאַרן לייענער. די דידאַקטישע פֿונקציע דערפֿון איז זייער אַ שטאַרקע, צוליב דעם וואָס דער לייענער פֿאָלגט דעם אידענטיפֿיקאַטאָר ווען ער ווערט באַלוינט אָדער באַשטראָפֿן.

כּדי דאָס בוך זאָל דערגרייכן די דידאַקטישע צילן, דאַרפֿן אַלע געשטאַלטן, אַחוץ דער אידענטיפֿיקאַטאָר זײַן פֿאַרפֿיקסירטע, כּדי דער לייענער זאָל וויסן ווער עס איז אַ גוטער און ווער עס איז אַ שלעכטער.די פּאָסיטווע געשטאַלטן שפּילן ראָלעס פֿון לערערס, וועלכע דערקלערן פֿאַרשיידענע זאַכן - דירעקט פֿאַר לאַבזיקן און אינדירעקט פֿאַרן לייענער. דער נאַראַטיווער שטייגער דערלויבט אויך דעם דערציילערישן קול צו האָבן אַזאַ אַ פֿונקציע.

2. וואָסערע ווערטן גיט מען עמאָציאָנעלע און אויסגעלערנטע אַקציעס אינעם אידעאָלאָגישן אַפּאַראַט?

מיר באַגעגנט ניט קיין קלאָרע דיקאָטאָמיע צווישן געפֿיל און אויסלערנונג. אפֿשר איז דאָס אַ ביסל מאָדנע... די אידעאָלאָגיע איז אַ ראַציאָנעלע? נו, די אַקציעס וואָס האָבן פּאָסיטיווע נאָכווירקונגען ווערן באַלוינט, און עס מאַכט ניט אויס צי די אַקציע איז געגרינדעט אויף אויסלערנונג אָדער געפֿילן. ווירקונג איז וויכטיקער פֿון גרונט. די אַקציעס וועלכע האָבן נעגאַטיווע נאָכווירקונגען און וואָס ווערן באַשטראָפֿן קענען ניט זײַן אויסגעלערנטע, צוליב דעם גאַנץ פּשטון פֿאַקט וואָס די מענטשן אַרום לאַבזיקן זײַנען אידעאַלע און קענען ניט קיין שלעכטס טאָן.

3. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ דידאַקטישן בוך? צי האָט כאַוער-פּאַווער געשריבן פֿאַר קינדער בלויז כּדי זיי צו געבן אַן אידעאָלאָגישע דערציונג?

דער ענטפֿער דערויף דאַרף זײַן ניין, ניט בלויז דאָס. מיר ווייזן דאָך אַז ער האָט געשריבן איידער ער איז געוואָרן אַ פּראָלעטפּעניסט, און אויך שפּעטער ווען ער איז געוואָרן אויס פּראָלעטפּעניסט. ער האָט געוואָלט שאַפֿן פֿאַר קינדער, און ער איז טאַקע געווען אַ טאַלאַנטירטן מחבר. אַ סימן האָט איר; כאַווער-פּאַווערס פּאָפּולערקייט צווישן די ייִדישע קינדער. דער דידאַקטישער עלעמענט איז וויכטיק, אָבער די עסטעטישע ווערטן זײַנען נאָך העכערע. כאַווער-פּאַווער איז געווען אַ קינסטלער וואָס האָט שטענדיק געשאַפֿן - אָן אָדער מיט אידעאָלאָגיע. ווען פּאָמעראַנץ האָט אים באַליידיקט פֿאַר מאָלן צוליב מאָלן (פּאָמעראַנץ, 1935. ז. 210) איז ער אפֿשר געווען גערעכט. לאַבזיק איז ניט קיין קאָמוניסטיש בוך אָנגעשריבן בלויז כּדי צו געבן די קינדער אַן אידעאָלאָגישע דערציונג. דאָס איז אַ קינסטלעריש ווערק וואָס שפּיגלט אָפּ דעם קינסטלער. כאַווער-פּאַווער רעדט צו די קינדער אויף אַ לשון וואָס זיי פֿאַרשטייען און האָבן ליב. דאָס איז ניט דאָס לשון וואָס בײַם אַגיטאַטאָר.

די דרײַ ביכער וואָס איך האָב אויסגעקליבן זײַנען אָנגעשריבן פֿאַר דרײַ דורות ייִדישע קינדער אין אַמעריקע, און זיי שפּיגלען אויך אָפּ די אינעווייניקע רײַזע בײַם עמיגראַנט.

ביבליאָגראַפֿיע

כּהן, בערל. *לעקסיקאָן פֿון ייִדיש-שרײַבערס*. רעיה אילמאַן-כּהן, 1986. ניו-יאָרק.

האַרקאַווי, אלכּסנדר. *ייִדיש-ענגלישער ווערטערבוך*. היברו פּאבלישינג קאמפּאני, 1898. ניו-יאָרק.

ווײַנרײַך, אוריאל. *מאָדערן ענגליש-ייִדיש ייִדיש-ענגליש ווערטערבוך*. שאָקען, 1977. ניו-יאָרק.

כּאַווער-פּאַווער. *וואָוויק*. כּאַווער-פּאַווער בוך קאָמיטעט, 1947. לאָס אַנדזשעלעס.

כּאַווער-פּאַווער. *כּאַווער-פּאַווערס מעשׂהלעך*. מתּנות, 1925. ניו-יאָרק.

כּאַווער-פּאַווער. *לאַבזיק*. אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, 1935. ניו-יאָרק.

ניבאָרסקי, יצחק. *ווערטערבוך פֿון לשון-קודש-שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש*. מעדעם-ביבליאָטעק, 1999. פּאַריז.

פּאָמעראַנץ, אלעקסאנדער. *פּראָלעטפּען*. פארלאג פון דער אלוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אקאדעמיע, 1935. קיעוו.

ראָנטש, יצחק אלחנן. *אמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור*. י. א. ראָנטש בוך-קאָמיטעט, ניו-יאָרק. 1945.

רייזען, זלמן. *לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע*. ב. קלעצקין, 1928. ווילנע.

Шкловский, Виктор Борисович. *Искусство как прием*. В сборнике *Поэтика*, Петроград. 1919.

Эйхенбаум, Борис Михайлович. *Как сделана «Шинель» Гоголя*. В сборнике *Поэтика*, Петроград. 1919.

Glaser, Amelia and Weintraub, David. *Proletpen*. The University of Wisconsin Press, 2005.Wisconsin.